בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק'

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

"תיכף בבוקר בהקיצו"

גענעבטן צו לערנען מיטן קינד

רבוש"ע, פארוואס שריי איך אויף זיי?

דו האסט נישט געדארפט זיין גערעכט

מיט גוטנס וואלט מען גיכער גע'פועל'ט

פארוואס נעמסטו זיך אן פאר מיר?!

אוועקלייגן מיט א ריר...

פארגיסן טרערן

דער בעל דבר האט אים אפגעהיט...

באקומען דעם פּאַס

צעלאזן דעם פען

איבערגעשפרונגען

איך האב מורא צו טראכטן...

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #100

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקות הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

בס"ד

# שיעור פרשת ויצא
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 113#)

## "תיכף בבוקר בהקיצו"

מיר דארפן דאנקען השי"ת וואס האט אונז גענעבן אזא רבי'ן! ממש די וואס האבן גארנישט אינזין דעם תכלית - זיי האבן גאר אנדערע געדאנקען, דעם 'זכרון עלמא דאתי' האבן זיי גארנישט אינזין, (ממילא פאלט מען אין) נצחונות מיט שקר מיט כבוד. מען דארף זייער דאנקען דעם רבי'ן מיט דער זאך וואס דער רבי האט מודיע געווען אז מען זאל זיך מיישב זיין פאר'ן איבערשטן און אינזין האבן אז עס איז דא א תכלית[א].

אז א מענטש וויל טוהן עפעס א זאך און ער גיט זיך א דערמאן: 'געוואלד, עס איז דא א תכלית, ווי קען איך אזוי אלעס טאן - עס איז דאך פארט דא א תכלית!?' - דאס גיט עפעס א מין 'מחאה'[ב], עס לאזט נישט איך זאל פארגיין, איך מוז זיך אפשטעלן!

---

[א] עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י', ובליקוטי קמא סי' נ"ד, ובשיחות הר"ן סי' מ"ז.

[ב] עי' השתפכות הנפש אות פ"ג, (ע"פ ליקוטי הלכות הל' חזקת קרקעות ה"ה, אות י"ג): **"מענין מחאה המבואר בדין חזקת קרקעות שכל זמן שהוא מוחה אז אין חזקת המחזיק מועילה כלום, מובן היטב איך שצריך כל אדם להתחזק בכל פעם בתפילה ותחנונים והתבודדות וצעקה להשם יתברך יהיה איך שיהיה אפילו אם יעבור עליו מה, כי אפילו אם רואה שאינו פועל חס ושלום, בתפילתו ואדרבה, הרע מתגבר עליו ביותר אף על פי כן ידע ויאמין שפועל הרבה בתפילתו וצעקתו כי על כל פנים צעקתו ותפלתו הוא בחינת מחאה**

און אז אט דער 'רעיון' איז נישטא - זאל דער אויבערשטער אפהיטן, עס איז ממש ממש 'געוואלד' אז דער רעיון איז נישטא; אז מען האט נישט אינזין דעם תכלית, מעג ער זיין ווער ער איז, אפילו ער איז מלא וגדוש - מען קען זיין מלא וגדוש מיט תורה מיט תפילה און מען זאל נישט אינזין האבן דעם תכלית; דאס איז עפעס א באזונדערע מתנה וואס מיר האבן פונעם רבי'ן אז מען זאל אינזין האבן אז עס איז דא נאך א וועלט און אז עס איז דא א תכלית - דאס שטעלט אפ.

ווען מען האט עס (ישוב הדעת) - איינער נעמט זיך פאַר'ן שלאָף (וכדו') - באטראכט ער זיך און עס ווארפט זיך אים עפעס דורך א געדאנק פון תכלית - דאס שטעלט אפ; דאס איז אזא מין זאך וואס לאזט נישט, מען מוז זיך אפשטעלן: 'אלעס איז גוט - אבער עס איז דאך פארט דא א תכלית!' און אז דאס איז נישטא, איז דא גרויסע (פארקרימטקייטן[ג]). עס איז דאך קשה דער זאך: מענטשן - עובדים מיט אלעס, ווי קומט דאס זיי זאלן האבן אין זיך אזא מין זאך? נאר דער תירוץ איז, ער איז אן עובד, ער ארבעט, ער קלאפט זיך קאפ אין וואנט, ער טוהט - און שוין, אפגעטוהן און פערטיג - אבער דעם תכלית האט מען נישט אינזין.

דאס דארף מען אלע טאג אינזין האבן; מען דארף אלע טאג אינזין האבן דעם תכלית.

---

הנ"ל, כי קדושת כל אחד מישראל הוא בחינת קדושת ארץ ישראל, וכשהרע מתגבר על האדם בתאוות ומדות רעות, וזה בחינת שרוצים לגרשו חס ושלום, מהסתפח בנחלת השם שהוא ארץ ישראל וכל מה שחותר לשוב לקדושתו אין מניחין אותו מעוצם ההתגברות שמתגרין בו והוא אינו מתגבר נגדם כראוי **ועל כן כשמתגבר אף על פי כן בתפילה וצעקה להשם יתברך אזי לא יוכלו לגרש ולכבוש חלקו בארץ ישראל חס ושלום, בשום אופן כי תפילתו וצעקתו הוא בחינת מחאה שעל ידי זה אין יכולה הסטרא אחרא להחזיק בנחלתו, חס ושלום, בשום אופן כי אין חזקה מועלת כשיש מחאה נגדה"**.

[ג] כנראה שמדבר אודות מה שאנ"ש סבלו בתקופה זו ממחלוקת ורדיפות שונות מאיזה אנשים מתנגדים.

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי זאגט דאך "**תיכף בבוקר בהקיצו**"...) "תיכף בבוקר בהקיצו"[ד], דאס איז א געוואלדיגע מתנה פון דעם רבי'ן - מען זאל אינזין האבן דעם תכלית!

**'רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות!'**[ה] - אט דעם ווארט האבן מיר א ירושה פונעם רבי'ן און אנדערע האבן עס נישט, זיי האבן עס נישט; און אז זיי האבן דאס נישט האבן זיי גארנישט.

דער רבי זאגט דאך, אז "דאס וואס די וועלט איז ווייט פון השי"ת איז ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת"[ו]. דער רבי זאגט נישט 'ווייל זיי זענען ווייט פון תורה ותפילה', ווייזט אויס, אז די תורה ותפילה איז זייער גוט אבער צו תורה ותפילה דארף מען נאך האבן דער זאך פון 'אינזין האבן דעם תכלית', און אז מען האט דאס נישט, דערפון (נעשה מה שנעשה).

דערמיט ווערן פארענטפערט כמה קשיות: זיי זענען דאך ערליכע אידן - זיי דאווענען און זיי לערנען און אלעס - ווי קומט צו זיי אזעלכע מיני נצחון און אזעלכע מיני שנאה'ס רח"ל, פון וואנעט נעמט זיך דאס צו זיי? נאר וואס דען, אלץ איז ביי זיי דא, נאר דעם 'טראכט' פון 'עלמא דאתי' האט מען נישט אינזין -

---

[ד] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, אות ב', וז"ל: **"בכלליות כך ראוי להיות מנהג יראי השם, תיכף בבוקר בהקיצו, קודם שיתחיל שום דבר, יזכור מיד בעלמא דאתי"**.

[ה] עי' חיי מוהר"ן רל"ט, וזל"ש: "עוד שמעתי ממנו זכרונו לברכה, שפעם אחת שאל אותו אחד מבני הנעורים הקטנים איך להתבודד, ולמד אותו לומר לפני השי"ת: **'רבונו של עולם, רחם עלי וכו' כי היתכן שיעברו ימי בהבל כזה? וכי בשביל כך נוצרתי?** (ובלשון אשכנז, **כי היתכן אז סע זאל מיר אזוי אוועק געהן דיא וועלט? בין איך דען פון דעסט וועגין באשאפען גיווארן?!**) וכו'. אחר כך באיזה עת עמד זה האיש אחר כתלי רביז"ל, ושמע שרביז"ל בעצמו שפך את לבו לפני השי"ת בדיבורים כאלו".

[ו] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י', וזל"ש: **"מה שהעולם רחוקים מהשי"ת ואינם מתקרבים אליו יתברך, הוא רק מחמת שאין להם ישוב הדעת, ואינם מיַשבין עצמן.** והעיקר להשתדל ליַשב עצמו היטב, מה התכלית מכל התאוות ומכל עניני העולם הזה, הן תאוות הנכנסות לגוף, הן תאוות שחוץ לגוף, כגון כבוד, ואז בודאי ישוב אל ה'".

דאס טראכט מען נישט; דער וואס טראכט עפעס פון עלמא דאתי דער שטעלט זיך אפ![ז]

❖

## געבעטן צו לערנען מיטן קינד

(מדבר על-פי ליקוטי מוהר"ן תורה י"ב)

**"לשון רבינו ז"ל: מה שאנו רואים, שעל פי הרוב הלומדים חולקים על הצדיקים** – די לומדים קריגן אויף צדיקים, און **"זיי רעדן אויפן צדיק 'עתק בגאוה ובוז'"**[ח] - דאס זאגט דער רבי בכלל; ווער שמועסט פון דער 'נקודת האמת שבין הצדיקים', דאס איז שוין נישט נאר די לומדים וואס קריגן, נאר צדיקים קריגן אויך.

---

[ז] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות ב': "על כן עיקר הנצחון הוא נצחון נצחי, דהיינו מי שזוכה לנצח את עצמו לנצח תאוותיו ומידותיו הרעים ולנצח את כל הרוצים למנעו מנקודת האמת ולהרחיקו על ידי זה מאביו שבשמים חס ושלום. כי מאחר שכונתו לשמים באמת, הוא מנצח תמיד איך שיהיה. **כי מי שכונתו באמת לאמיתו בשביל סטרא דקדושה, איך שמתנהג עמו הוא מנצח תמיד. כי כל פעולה ותנועה קטנה וגדולה שעושה בשביל הנצחון הזה, היא נשארת קיימת לנצח לעולמי עד ולנצח נצחים**. כי אין הקדוש ברוך הוא מקפח שכר כל בריה אפילו שכר שיחה נאה. וכמו שאמר ישעיה ואני אמרתי לריק יגעתי וכו' אכן משפטי את ה' ופעלתי את אלקי. ...**אבל שאר הנצחונות הם כולם שקר ואינם יכולים לסבול האמת, וכל מה שיאמרו להם דברי אמת נפלא ונורא שאי אפשר להכחישו בשום שכל האמיתי, הם דוחין אותו באמתלאות של שטות והבל מחמת נצחונם הרע**. כי הם בבחינת הרע עין הנ"ל. **ועל כן באמת שוכחים בעולם הבא ואינם חושבים על אחריתם כלל**, כאשר הם יודעים בעצמם מעלת צדקתם וקדושתם בכל התאוות והמידות איך הם משוקעים בכל הטינופים, כאשר רובם מודים בפיהם, וגם מחשבתם ניכר מתוך מעשיהם. ואין להאריך בזה כאן כי האמת עד לעצמו. וכן מבואר בהא"ב (ספר המידות) באות 'מריבה' (סימן י"ג) וזה לשונו: **"מי שהוא נצחן בא לידי שכחה"**, עד כאן לשונו. היינו כנ"ל", עכל"ק.

ח וז"ל בספר "ליקוטי עצות", ערך 'מחלוקת ומריבה', אות ז', ע"פ תורה זו: **"מה שעל פי רוב הלומדים חולקים על הצדיקים, זהו מחמת שלומדים תורה שבעל פה, דהיינו גמרא ופוסקים וכו' בגאות גדול**, ואזי נעשה להם מתורה שבעל פה לדבר על הצדיקים עתק בגאוה ובוז. אבל הצדיקי אמת מעלין ומתקנים כל דיבוריהם הרעים וחוזרים ועושים מהם הלכות, ומעלין שעשועים גדולים להשי"ת על ידי זה דייקא".

עס שטייט דאך אין תולדות[ט] - ער ברענגט פון די גלות'ן: אז די אידן זענען אין גלות ביי די אומות העולם; און די תלמידי חכמים זענען אין גלות ביי די עמי הארַצים; און די תלמידי חכמים - בין התלמידי חכמים, און דאס איז דער ערגסטער גלות - 'תלמידי חכמים בין תלמידי חכמים'[י]. פארוואס איז דאס טאקע אזוי? ווייל דער אמת איז דאך טאקע אזוי, אז ביי די 'תלמידי חכמים בין תלמידי חכמים' ליגט דאך עפעס א פגם אין דעם תלמיד חכם וואס ער קריגט זיך מיטן אנדערן.

❖

עס איז געווען א מעשה מיט צוויי תלמידים פון דעם בעל שם וואס אלע יארן זענען זיי געווען מחולק (צווישן זיך), און איינער האט געהאלטן ביים נסתלק ווערן און עס איז ביי אים געבליבן עפעס א יונגער בחור דארטן. האט ער אפגעשריבן א בריוו און האט דאס מיטגעגעבן דעם קינד זיינעם און אים געזאגט, אז נאך זיין הסתלקות, נאך די 'שבעה', זאל ער צופארן צו דעם צדיק און ער זאל אים אפגעבן דעם בריוו, און ער איז נפטר געווארן. נאך די שבעה איז ער צוגעפארן צו דעם צדיק און ער האט אים אפגעגעבן דעם בריוו. ער (דער בחור) האט געוואוסט אז ער איז אלע יארן געווען מחולק.

ער עפנט אויף דעם בריוו, און ער זאגט: 'דו ווייסט וואס דער טאטע שרייבט?'. זאגט ער: 'איך ווייס נישט'. דער טאטע שרייבט אזוי: **"אזוי ווי פאר דער פטירה האלט מען דאך ביי א גרעסערן אמת, זעה איך ארויס אז דאס אלעס וואס עס איז געווען די קריגערייי אלע יארן איז נאר געווען מצד הבעל דבר, דאס איז נישט געווען קיין אמת, דערפאר בעט איך אייך איר זאלט לערנען מיט מיין קינד"... -**

---

[ט] תולדות יעקב יוסף פר' וישלח, אות ב'.

[י] עי' בליקוטי עצות הל' תלמוד תורה, אות י"ג, ע"פ תורה זו: "אבל כשלומד רק שלא לשמה בשביל שיהיה נקרא למדן וכיוצא, אזי נבילה טובה הימנו, ובוודאי אינו יכול לדבק את עצמו עם רוח התנא, ועל ידי זה אינו רואה האמת ונעשה שונא וחולק על צדיקי אמת כנ"ל, **וזהו גלות השכינה שהתורה שבעל פה הוא בגלות בפה הלמדן**".

אט דאס האט ער געשריבן אין דעם בריוו. דאס איז א געוואלדיגער לשון, דאס איז א ידועה'דיגע זאך - די צוויי תלמידים.

(ר' נחמן: איר האט דאס געהערט בעל פה?) יא יא. דאס איז א געוואלדיגער מוסר השכל; מען רעדט פון צוויי צדיקים - נישט קיין אפגענאַרטע.

אז עס גייט אן ענין פון מחלוקת און נצחון, דארף מען האבן גרויס רחמים אז מען זאל מכוון זיין אל האמת. דער רבי ברענגט דאך אין א תורה[יא]: **"וגם נצח ישראל לא ישקר"**[יב] - אז כאטש דער אויבערשטער איז 'נצח' - 'לא ישקר'. ווי נאר עס איז דא נצחון, איז זייער שווער אז עס זאל זיין נאר מיט אמת; נצחון איז נישט סובל דעם אמת.

מיר רעדן אלץ אלעמאל - און מיר דארפן נאך מער רעדן דערפון: דער ענין פון האבן אן עבודה פון 'זיך מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן'! אז נישט - איז מען אין א געוואלדיגע סכנה; מען קען דאווענען און לערנען און טוהן אלצדינג, אויב ער וועט נישט ארומגיין מיט א געדאנק פון עלמא דאתי און זיך מיישב זיין צום אויבערשטן, איז ער אין א גרויסע סכנה; ער קען אריינפאלן אין נצחון, מחלוקת, מיט שקר; און אדרבה, די עבודה פארדעקט אים נאך, ווי מער 'עובד' - איז ער מער פעסטער ביי זיך אז ביי אים איז דער אמת - 'אז ער מעג און ער קען דורכפירן מער'. מען דארף זיך מיישב זיין פאר'ן אויבערשטן: **"רבונו של עולם, אפשר נאַר איך זיך, פיר מיר מיטן דרך האמת"**[יג].

---

[יא] ליקוטי מוהר"ן קכ"ב, וזל"ש: " 'וגם נצח ישראל לא ישקר'. **כי זה ידוע, שמידת הנצחון אינה סובלת האמת, כי אף אם יראה לעינים דבר אמת, ידחה אותו מחמת הנצחון, וזה מבורר מאד. אך לא כמידת בשר ודם מידת הקדוש ברוך הוא, כי הקדוש ברוך הוא אף בהנצחון הוא אמת, ואינו משקר, חס ושלום. וזהו: "וגם נצח ישראל לא ישקר"** ".

[יב] שמואל-א טו, כט.

[יג] עי' ליקוטי הלכות הל' יין נסך ה"ד, אות י"ז, וז"ל: **"על כן באמת צריכין לצעוק ולזעוק הרבה להשי"ת שיוליכהו בדרך הישר והאמת תמיד אולי אולי יזכה להתקרב להשי"ת כראוי**. ועל כך באמת צועק דוד המלך עליו השלום, הרבה על זה, כמו שנאמר, **"הורני ה' דרכך אהלך באמיתך"** וכו' "הוריני ה' דרכך ונחני באורח מישור למען שוררי" וכו' "הוריני ה' דרך חוקיך" וכו' "שלח אורך ואמיתך המה ינחוני וכו'". וכן הרבה מאד. וכן צועק הרבה שיתן לו ה' עצות טובות, כמו שנאמר, "עד אנה אשית עצות בנפשי

## רבוש"ע, פארוואס שריי איך אויף זיי?

עס איז געווען איינער - ר' יודל דאשיוועסקע[יד], ער איז געווען ר' דוד צבי'ס א ברודער. א שטיק צייט איז ער געווען גבאי אין שול, און ער איז געווען א סוחר'ישער איד און ער פלעגט געבן דארטן פאר די חברה (ה'יושבים' של הקלויז) אויף שבת צו שטייער. נאר ער איז געווען א בייזער איד און ער פלעגט שרייען אויף די חברה. איז ער ארויף צום רבי'ן אויפן ציון, ער האט געהאט השתטחות, האט ער געזאגט צום רבי'ן: "**רבי, וואס האב איך צו די חברה? פארוואס שריי איך אויף זיי, זיי זענען דאך ערליכע אידן!?**"... - אזוי האט ער גערעדט פארן רבי'ן 'וידוי דברים'.

- אט דאס איז דער חילוק פון א ברסלב'ער חסיד; א ברסלב'ער חסיד - ער האט טאקע אין זיך א חמימות, ער שרייט, ער קאמאנדעוועט, אבער ער רעדט דאך פארט צום אויבערשטן דיבורים, רעדט ער דאס אויך אויס: 'פארוואס שריי איך אויף זיי, זיי זענען דאך ערליכע אידן!?'

(השואל: אויף וועמען האט ער געשריגן?) אין קלויז דארטן, ער פלעגט אויף אונז שרייען. ער פלעגט אונז געבן געלט, און ער איז געווען אן עלטערער מענטש - פאר אן עלטערער מענטש איז דאך זייער שווער דארטן מיט די בחורים - זיי שרייען, דאווענען, ער געפינט שוין חסרונות - פלעגט ער שרייען. מען האט שוין געוואוסט אין שול: 'ר' יודל שרייט'... אבער ער האט דאס אויסגערעדט פארן

---

וכו'", "בעצתך תנחני וכו'" (תהלים עג, כד), **כי צריכין לזכות גדול וישועה ורחמים גדולים והשתדלות ויגיעה גדולה כל ימי חייו, שיזכה לילך בכל עת בדרך הקודש באמת לאמיתו ולא יטה לימין ולשמאל, באופן שיזכה להגיע למה שצריך איש הישראלי להגיע במספר ימי חיי הבלו, שלא יטעה את עצמו, חס ושלום** [...] **ובפרט בענין מחלוקת ושנאת חנם הוא יכול ליפול באין סומך, חס ושלום, ולאבוד את עולמו כרגע, חס ושלום**".

[יד] בן רבי יונה בן רבי ישעי' שלום בן רבי יודל מדאשוב (מגדולי תלמידי רביז"ל). מכונה גם ר' יודל מדימיטריוועקע ע"ש עיר מגוריו ליד טשעהרין. בשנת תרע"א הדפיס בבארדיטשוב את חלק א' מספר ליקוטי הלכות.

רבי'ן ביים השתטחות. און דאס איז שוין א מחאה; 'איך שריי טאקע, און שרייען איז א געוואלדיגער פגם, אבער שוין האב איך דאס אויסגערעדט.

דאס איז דאך די מתנה וואס מיר האבן פונעם רבי'ן; איך האב טאקע עוולות אין זיך - אבער איך מוז דאך דאס אויסרעדן פארן אויבערשטן! [- דאס הייסט דאך התבודדות: 'רבונו של עולם, איך פאל דורך אין דער זאך, איך פאל דורך אין דער זאך' - אז איך רעד עס אויס פאר השי"ת גיב איך 'שוין' א מחאה] - קען דאך נישט זיין אז איך זאל זיין אזא מין עזות פנים צו רעדן און רעדן און רעדן - און נאכדעם ווייטער זיין דאס אייגענע, עס מוז דאך ווערן עפעס א שטיקעלע שינוי ביי מיר, איך רעד דאך פארט פארן אויבערשטן, ווייל דער אויבערשטער איז דאך דער מקור האמת.

דאס איז א געוואלדיגער נצחון וואס מען קען האפן צום אויבערשטן אז מען וועט פארט זיך אוועקשטעלן אויף א שטיקל אמת'ן וועג.

## דו האסט נישט געדארפט זיין גערעכט

דער רבי זאגט: 'דאס וואס די וועלט איז ווייט פון דעם אויבערשטן, איז ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת'. רעדט דאך דער רבי פון דער וועלט; זאל דער רבי זאגן 'ווייל מען איז ווייט פון תורה ותפילה'? - און דער אמת איז דאך טאקע אז אָן תורה ותפילה איז דאך גארנישט; אז א מענטש וועט זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן און נאך דעם וועט ער אפ'בטל'ען דעם טאג, דאס איז דאך גארנישט; נאר אויף צוריק רעדן מיר, מיר רעדן דאך פון דעם וואס איז יא עוסק אין תורה און תפילה - אויב ער וועט נישט האבן דעם ענין פון ישוב הדעת, איז ער גארנישט זיכער מיט זיך; ער קען האבן נצחון און שרייען און שעלטן כאטש וואס ער דאוונט און לערנט, ווייל ער רעדט דאס נישט אויס פאר השי"ת און ער איז זיך נישט מיישב פארן אויבערשטן; און פארקערט, זיין תורה ותפילה זאל אים נאך לערנען אז איך בין גאר גערעכט - 'איך דאוון דאך, איך לערן דאך - בין איך דאך מער אמת'ער'...

דעם רבי'נס אמת איז אבער אזא מין אמת אז ער זאל זיך נישט איבערשרעקן פאר זיין (אייגענע) תורה און תפילה; ער קען האבן תורה ותפילה און ער מוז נאך אלץ האבן ישוב הדעת - אז נישט קען ער דורכפאלן און אריינפאלן אין שלעכטע זאכענישן, ווייל ער איז דאך אן 'עובד השם'... ווייל ער דאוונט און לערנט...[טו]

❖

ר' אהרן דער רב איז א געוואלדיגער מענטש געווען; דער רבי האט געזאגט, אז 'ער האט גענוצט זכות אבות ארויסצונעמען ר' אהרן'ען קיין ברסלב!'. איז געווען אמאל אז ר' אהרן דער רב האט [אריינגעגעבן] פאר עפעס א בעל בית, איינער אן עזות פנים פון דער שול דארטן וואו ער איז געווען דער רב; א טייל זאגן אז ער האט אים געגעבן א פאטש; און א טייל זאגן אז ער האט אים נאר גוט אנגעזידלט; עס איז דא דערין צוויי דיעות. נאכדעם האט ער דאס דערציילט פארן רבי'ן און זיך פארענטפערט אז ער איז גערעכט. זאגט דער רבי: **"איך ווייס אז דו ביסט גערעכט – דו זאלסט גערעכט אויך נישט זיין?! פונדעסטוועגן האסטו נישט באדארפט אזוי טוהן!"**

דאס איז דאך דער אמת פון דעם רבי'ן: איך בין טאקע גערעכט, אבער זיי דיר מיישב פארן אויבערשטן, כאטש אז דו ביסט גערעכט - דו דארפסט נישט פירן דעם נצחון! - אט דאס רעדן מיר דאך, ער איז גערעכט, ער איז גערעכט טאקע, אז איך דאוון און לערן בין איך דאך גערעכט. (אמנם) דו ביסט נאר גערעכט אז דו וועסט זיך נישט מיישב זיין פארן אויבערשטן, אבער אז דו וועסט זיך מיישב זיין

---

[טו] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות ו': **"ועל כן אפילו מי שנראה לו שכוונתו אל האמת שרוצה בנצחון בשביל לגמור איזה מצוה או דבר שבקדושה, אף על פי שבזה צריכין להיות חזק מאד, אף על פי כן צריך להסתכל היטב שלא יגיע חורבן והריסה חס ושלום על ידי זה, כי שנאוי המחלוקת וגדול השלום. על כן צריכין להשתדל למעט במחלוקת בכל מה דאפשר אף על פי שנדמה לו שחולק לשם שמים. מכל שכן וכל שכן שצריך להסתכל על עצמו אם כונתו לשמים, כי הלב יודע אם לעקל אם לעקלקלות..."**.

וועסטו זעהן אז נאך דיין תורה ותפילה דארפסטו נאך אלץ נישט (קריגן אויף אים)[טז].

## מיט גוטנס וואלט מען גיכער גע'פועל'ט

ביי די מחלוקת וואס איז געווען אויף ר' נתן'ען איז ער תמיד געווען גערעכט. ר' נתן איז איינמאל נישט געווען גערעכט? איינמאל איז געווען וואס ר' נתן זאל נישט זיין גערעכט? פארוואס האט מען אויף אים געקריגט? - אויף וואס ער פארשפרייט דעם רבי'נס זאך. רבי נתן האט דאך געזאגט אויף זיך: "איך האב געהיט די צייט, התבודדות מיט חצות"[יז], און אן עובד וואס ר' נתן איז געווען, און ער איז דאך תמיד געווען גערעכט, האט ער דאך ווען געקענט ארויסגיין אויך (אנטקעגן) - איך בין דאך גערעכט; אבער ער איז קיינמאל נישט ארויס. פארוואס? ווייל דער אמת פונעם רבי'ן איז: איך בין טאקע גערעכט, און (עכ"ז) איך קען נישט און איך טאר נישט (ארויס אנטקעגן!) - דאס איז אונזער רבי.

אפילו דער וועג מיט וואס מען גייט דארטן אין אמעריקע מיט די מעשה'ס - מיר האלטן נישט דערפון; די דארטן זאגן, מען דארף הרג'ענען און שלאגן און ברעכן די ביינער - עס איז א וועג, אבער אונזער וועג איז דאס נישט; עס איז מיר ברור אז דאס איז נישט אונזער וועג. נאר וואס דען? אונזער וועג איז נאר אז אלע מיני עצות וואס איך קען טאן דארף איך טוהן און נישט פארלאזן זיך[יח] (על ניסים). ר' נתן האט אויך געטוהן עצות - אלץ געטוהן, און (פונדעסטוועגן) נאר

---

[טז] עי' ליקוטי הלכות הל' יין נסך ה"ד, אות י"ט, וזל"ש: **"על כן בוודאי מי שרוצה לחוס על נפשו שלא יאבד את עולמו, חס ושלום, צריך לחפש ולחקור מאד אחר האמת כדי לשוב אל ה' באמת, כי אולי מטעה אותו דעתו באיזה דרך ...ועיקר התיקון לכל זה הוא, "נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים", שהוא צעקה ותפילה ושיחה והתבודדות בינו לבין קונו, שצריכין לצעוק הרבה להשי"ת במסירת נפש עד שכמעט תצא נפשו**, כמו שאמרו רז"ל, אין תפילתו של אדם נשמעת אלא אם כן משים נפשו בכפו, ולמדו מפסוק זה. (וכמובא זה בשיחותיו הקדושים בספר חיי מוהר"ן)", וכו', עיי"ש.

[יז] עי' שיש"ק ח"ב, אות קע"ט, תי"א, תקס"ג.

[יח] עי' "כוכבי אור", בפרק "קצת אותות ומופתים שנראו מאדמו"ר זצ"ל", אות י"ד.

מיט תפילה! איי אנדערע טוען? איך ווייס... אונזער וועג איז דאס נישט! אז מיר זאלן גיין בידים איז נישט אונזער וועג[יט].

דער חילוק איז נאר אזוי, פארוואס וויל ער גיין ארויס? (- בידים) ווייל ער וויל נישט ווארטן; דער וועג פון דעם רבי'ן איז - 'דו וועסט אויספירן, נאר וואס דען? ווארט אביסל צו!' אז דו וועסט גיין בידים, דאכט זיך דיר אז דו וועסט אויספירן פריער - אזוי דאכט זיך, מען וויל נישט ווארטן - ניין! דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: **"מיט בייזנס פועל'ט מען נישט; פועל'ט מען אמאל יא מיט בייזנס? ווארט מען דאָסמאָל מיט גוטנס גיכער גע'פועל'ט!"**

(ר' נחמן: דער רבי האט דאך אמאל געזאגט ר' נתן'ען: "**און אמאל גיט מען א פאטש!**[כ]?")
אונזערע לייט פלעגן זאגן: **'דער אמאל איז נאכנישט געווען!'...**

❖

## פארוואס נעמסטו זיך אן פאר מיר?!

מיר רעדן דא א שמועס קעגן וואס דער רבי האט אזוי געזאגט: 'וואס די וועלט איז ווייט פון השי"ת, איז ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת!' כאטש דער עיקר איז דאך דער ענין פון תורה ותפילה - א מענטש דארף זיין פארנומען אין טאג מיט תורה ותפילה, נאר פונדעסטוועגן איז דא אזא מין ענין אז עס קען זיין אמאל א מענטש אז ער איז יא אָדוק אין תורה ותפילה, ער דאוונט און ער לערנט - אויב ער האט נישט די זאך פון ישוב הדעת צו זיך מיישב זיין פאר'ן אויבערשטן, קען ער טאן געוואלדיגע עוולות; און פארקערט, ער וועט זיין ביי זיך גערעכט 'ווייל איך בין דאך עוסק אין תורה ותפילה, דערפאר קען איך פירן נצחונות' - דאס קען אריינברענגען אין אים א מין גערעכטקייט.

---

[יט] עי' שיש"ק, ח"ב שנ"ד, ובחלק א' תרמ"א.

[כ] עי' שיש"ק ח"ג תק"ס.

דער ישוב הדעת איז אבער עפעס אזא מין סארט מחיצה, אזא מין סארט גדר, עס לאזט מיר נישט, עס האקט אפ, איך מוז דערציילן השי"ת, איך מוז אים דערציילן.

דער רבי האט דאך געזאגט (כלפי ההתקרבות לצדיק ועצותיו): "איידער דער זאך קומט - קען מען זיך באגיין אן דער זאך, אבער אז עס קומט שוין דער זאך - מוז מען שוין אנקומען צו דער זאך"[כא]. (לענינינו:) איידער דער רבי האט מודיע געווען דעם ענין פון התבודדות, האט מען געקענט זיין אן ערליכער איד אפילו אן דעם אויך, אבער אז עס איז שוין דא דער וועג - מוז מען שוין אנקומען צו דער זאך, מען קען שוין נישט זיין אן דער זאך![כב]

❖

ר' נתן האט אויף זיך אזוי געזאגט: '**פארוואס גייט מיר אויף דער עלטער די עבודה רעגולאר?** ['רעגולער' הייסט: גלייך] **ווייל איך האב געהאט אין דער יוגנט אסאך התבודדות**'. ר' נתן האט דאך געזאגט פאר די הסתלקות: 'איך האב געהיט די צייט!'[כג] נאר וואס דען, עס איז עפעס אן אנדערע עבודה דא - דער ענין פון התבודדות. דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן מקיים זיין דער ענין פון ישוב הדעת; איך מעג דאווענען און לערנען - אז איך וויל טאן עפעס א זאך וואס די זאך איז מיט א מין נצחון מיט א מין שטארקייט - אויב איך האב אין זיך ישוב הדעת פארן אויבערשטן וועל איך נישט דורכפאלן, איך וועל דאך רעדן פארן

---

[כא] חיי מוהר"ן רצ"ט; ובביאור הליקוטים, דברי פתיחה, וזל"ש: "גם מבואר מדברי רביז"ל לענין הצדיקים יחידי הדורות, שקודם ירידת הצדיקים לזה העולם, יש ביכולת להיות איש כשר ועובד את ה' גם זולת זה הצדיק **ותורתו**. ומשבא לזה העולם, אין ביכולת כלל לזכות זולתו וזולת תורתו למה שצריך לזכות. וכפי הנראה מדבריו הקדושים, שזה נמשך מדרכי השם יתברך בהנהגת העולם, זה לעומת זה. ובירידת הצדיק הרופא נפשות לזה העולם, ברפואות ותחבושות יקרות ונפלאות שלא נתגלו עדיין מעולם. נתחדשים כנגד זה, מחלות ומכאובים חדשים שלא היו עדיין בעולם, ושאין ביכולת לעמוד כלל כנגדם, אם לא בסגולות ורפואות הצדיק, שנתחדשו וירדו כנגדם באלה העתים. והבלתי מתרפא בהם, אבדה תקותו חס ושלום"..

[כב] עי' שיש"ק ח"ג, צ"ה.

[כג] נראה שכוונתו לבאר, למה תלה עבודתו כסדר - בהתבודדות, הלא אמר בעצמו כי שמר את הזמן?

איבערשטן איינמאל און נאכאמאל, איך וועל זיך אפשטעלן - אז נישט קען איך דורכפאלן; אדרבה, איך וועל נאך נעמען חיות פון מיין תורה ותפילה, 'איך דאוון דאך און לערן - מעג איך דאך טוהן אזוי, יענער איז דאך א גארנישט - איך דאוון און לערן'...

דאס איז ממש א מתנה - דער ישוב הדעת פארן איבערשטן, דערציילן פארן איבערשטן, אלץ אויסרעדן פאר השי"ת, דאס האלט מיך אפ. איך האב טאקע נאך נישט די זכיה מען זאל מיר ענטפערן פון הימל, אבער דער איבערשטער איז דאך א מקור האמת - און איך רעד דאך צו אים, גייט אין מיר אריין עפעס א נקודה פון אמת, אז איך שטעל זיך אפ. איך בין טאקע גערעכט, נאר איך שטעל זיך אפ.

און דאס האבן מיר געזעהן ביי אונזערע לייט, אזוי איז געווען ביי אונז. דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) איז געווען א איד א גדול און א גרויסער מתבודד. עס איז געווען אמאל איינער א בעל בית אין קיבליטש, א שיינער בעל בית און א גביר - א 'פארנעם'. האט ער איינמאל זייער מבזה געווען דעם שווער, ער האט אים געזידלט און געזידלט. איך האב דאס געהערט - איך האב דאך געוואוסט ווער דער שווער איז, האב איך זיך געוואלט אננעמען פארן שווער. 'ווי איז יענער צוגעקומען צום שווער?' יענער איז געווען א בעל הבית. זאגט מיר דער שווער: 'פארוואס נעמסטו זיך אן פאר מיר? מיר דארפן דאך שווייגן! לאז אפ, דאס איז אונזער זאך - אז מיר זאלן שווייגן!'.

מיר האבן א מתנה פונעם רבי'ן, אז דו ווילסט עפעס טוהן - שווייג! אונזער זאך איז: 'שווייגן!'[כד]

מיר האבן געזעהן דער זאך, דער שווער איז געווען אן עובד השם, אבער דער כח פון שווייגן און וויסן אז מען דארף שווייגן איז נאר פון התבודדות. אז ער האט אסאך געהאט 'דיבורים' פארן איבערשטן, האט ער זיך אפגעשטעלט, ער האט

---

[כד] עי' במכתבי רבי נתן בר"י מטבריה, מכתב מיום ג' שמות תרמ"ב: **"כך אמר רביז"ל, שכל צדיק הדור האמת לאמיתו יש לו כוח להנהיג העולם כמו שהוא יודע; והצדיקים הקדמונים היה עיקר תשובתם סיגופים ותעניתים, ורביז"ל - אצלו עיקר התשובה לברוח מן הכבוד ולסבול שפיכות דמים ובזיונות"**.

זיך שוין דערמאנט אין דער תורה פון "ישמע בזיונו ידום וישתוק"[כה]; 'התבודדות' גיט דאך אריין א זכרון אין א מענטשן[כו]; האט ער זיך שוין דערמאנט - 'וואס וועל איך האבן אז איך וועל אים אפענטפערן, איך קען דאך אויך ווערן אין כעס, איך קען דאך אויך אויפקאכן די בלוטן'. ביי אים איז דאס שוין געווען אזא 'דרך כבושה' די זאך, ביי אים איז דאס שוין נישט געווען קיין נייעס. אט דאס איז אונזער וועג!

❖

## אוועקלייגן מיט א ריר...

אין קיבליטש איז געווען איינער 'חיים קצב', א שייגעץ געווען, אן עזות פנים אין שטאט, א שלעגער. בקיצור, אז עס איז געווארן דא א נייע 'חסידות' (מקורבים לברסלב) און דער 'מקרב' איז געווען איינער ר' פנחס קיבליטשער, ער איז געווען א גדול. האבן זיי געשיקט דעם חיים קצב צו ר' פנחס'ן ער זאל אים שלאגן...

און ר' פנחס איז געווען אזא מין חולה אז א גאנצע וואך האט ער זיך נישט געקענט וואשן צום עסן, ער האט נישט געקענט עסן קיין כזית, שבת האט ער געדארפט מיט מסירות נפש אראפשלינגען דעם כזית, אזא חולה איז ער געווען! ער האט מקרב געווען דעם שווער (ר' אהרן קיבליטשער). אזא מין עובד השם וואס ער איז געווען - - דער שווער האט געזאגט: "מען האט גארנישט וואס צו רעדן וואספארא מין עובד דער איז געווען!"... און 'קיבליטש' איז געווען א שטעטל פון מתנגדים, האט מען געשיקט דעם חיים קצב ער זאל שלאגן ר' פנחס'ן; מיט א ריר האט מען אים געקענט אוועקלייגן...

---

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ו'.

[כו] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות י"ד: **"ביטול השכחה ולזכות לזכרון הוא על ידי הדיבור בבחינת 'זכור בפה'** כמו שאמרו רז"ל. כמו שרואין בחוש שעל ידי שחוזרין משנתו כמה וכמה פעמים בפה מלא על ידי זה זוכרין לימודו תמיד וכו'... **וכן צריכין להתבודד בכל יום ולדבר בפה מלא מתכלית עולם הבא** כנ"ל. **כי הדיבור יש לו כח גדול להזכיר את האדם** כנ"ל. וזה בחינת: **"מדי דברי בו זכור אזכרנו"**, כמו שמבואר במקום אחר (סי' ע"ח, עיי"ש)". גם עי' עוד מזה בעלים לתרופה, מכתב פ"ח.

איז דער חיים אריינגעקומען ביי שלש סעודות, א גזלן, א רוצח. דער שווער איז דעמאלט געווען. אלע זענען געווארן דערשראקן; אז ער וועט צוגיין צו ר' פנחס'ן און ער וועט אים נאר געבן א ריר, לייגט ער אים אוועק...

ער איז צוגעגאנגען צו ר' פנחס'ן, און ר' פנחס האט אנגעהויבן רעדן מיט אים מיט גוטנס - האט ער אים שוין מקרב געווען! ער האט אים מקרב געווען און צוגעצויגן מיט גוטנס.

דערנאך (א תקופה שפעטער) האט איינער געגעבן דעם חיים'ען א פאטש און דער חיים האט געשוויגן. האט זיך דער חיים בארימט: **"חיים'ען געבן א פאטש און חיים ענטפערט נישט אפ קריק? ער איז שוין א ברסלב'ער חסיד, ער קען שוין נישט ענטפערן קריק!"...**

פריער האבן אלע געציטערט פאר חיים'ען, מען האט אים גערופן 'חיים שיש בו...', ער איז געווען א געוואלד, אבער אז ער איז שוין א ברסלב'ער חסיד קען ער שוין נישט ענטפערן קריק.

איך האב געקענט דעם חיים אויף די עלטערע יארן, ער האט געהאט אזא מין אויסגעוואשענעם פנים מיט טרערן, ממש אזוי ווי מען גייט ארויס פון א מרחץ, דאס פנים איז אים תמיד געווען אויסגעוואשן מיט טרערן. דער חיים האט געהאט א הדרת פנים - אה! איך פלעג דאווענען אין קיבליטש נעבן אים, שבת האבן מיר געדאוונט צוזאמען - די מנחה פון ערב שבת, ער פלעגט אויסגיסן דעם מנחה פול מיט טרערן, די שמונה עשרה איז פול געווען מיט טרערן! (תמהתי:) 'רבונו של עולם, דאס איז 'דער' חיים? ווי ער וואשט אויס דאס פנים מיט טרערן - ווי איז מען זוכה אויסוואשן א שמונה עשרה מיט טרערן?!' ער האט אזא לעכטיגן פנים געהאט.

ר' משה טשענסטכאווער ע"ה (גיסו של רלוי"צ), פלעגט זיין זיין אורח, האט ער מיר דערציילט אז די תפילות (ספר ליקוטי תפילות שלו) איז געווען ביי אים אויסגעווייקט מיט טרערן. די טרערן וואס דער חיים פלעגט פארגיסן ביינאכט

- א געוואלד! **רבונו של עולם! וואס דער רבי קען מאכן פון א מענטש - א קצב, א שלעגער, א רויבער, און אזוי מאכן - צו ווערן אזא מין זאך...**[כז]

## פארגיסן טרערן

און דער עיקר איז געווען דאס גיסן טרערן פארן אויבערשטן. עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש (על הפסוק:) **"והנה נער בוכה ותחמול"**[כח], זאגט דער זוהר: **'מיד ותחמול'**[כט]. אז 'והנה נער בוכה', איז '**מיד** ותחמול עליו' - באלד שוין האט מען אויף אים רחמנות; אז מען זעהט איינער וויינט, איז 'מיד ותחמול עליו'.

דער רבי דערציילט טאקע אין דער מעשה פון דעם 'בערגער ועני'[ל], אז דער בערגער איז דורכגעאנגען [ביינאכט], האט ער געזעהן ווי דער ארעמאן האקט זיך קאפ אין דער וואנט און וויינט. איז ער אריינגעגאנגען אין שטוב אריין (ושאלו:) וואס וויינסטו? האט ער אים געענטפערט: 'פארוואס זאל איך נישט וויינען? ביי דעם איז דא קינדער, ביי דעם איז דא געלט, און איך האב געהאט א ווייב - האט מען דאס ביי מיר אויך צוגענומען'. האט זיך אים (דער בערגער) אנגענומען דאס רחמנות, און ער האט געטאן א ווילדע זאך, און ער האט דעם ארעמאן איר אפגעבראכט (עיי"ש).

פלעגן אונזערע לייט זאגן אזוי: **"דער אמת'ער צדיק גייט תמיד דורך, און אז יענער וויינט זיך אויס ביינאכט - גייט ער אריין אין שטוב אריין און העלפט אים טאקע!"** - טרערן איז א געוואלד!

דער רבי זאגט: 'אויב מען טראכט וועגן טרערן - איז אויך א מחשבה זרה'[לא]. אבער אז דער אויבערשטער העלפט און ער גיט א מתנה, טרערן, איז דאס אויך

---

[כז] עי' חיי מוהר"ן שי"ד: "שמעתי בשמו שאמר: **הפחות שבאנשי אני מוליך אותו בדרך של צדיק גדול מאד**".

[כח] שמות ב, ו.

[כט] תיקוני זוהר, תיקון י"א, כ"ו ע"ב. ועי' בשיחות הר"ן פ"ז.

[ל] מעשה י' מספה"ק "סיפורי מעשיות".

[לא] ליקוטי מוהר"ן תניינא צ"ה.

א מתנה. א מענטש אז ער רעדט צום אויבערשטן 'דיבורים' און מען ווייסט מלמעלה אז ער דארף האבן טרערן, דעמאלט שענקט מען אים טרערן אויך; אז מען ווייסט אז זיין רפואה איז טרערן נאר ער האט נישט, שענקט מען אים א מתנה, טרערן. ער דארף נאר טאקע רעדן און רעדן - 'דו רעד און רעד!'

- דער רבי זאגט אין דער תורה פון "ט' תיקונים"[לב]: 'אז עס ווערט נכמרו רחמיו, איז ער שוין ממשיך דיבורים חמים כגחלי אש'. אז ער דארף האבן 'דיבורים חמים כגחלי אש' און ער האט זיי נישט - אז ער רעדט און רעדט (ווערט 'נכמרו רחמיו'). אבער דו זאלסט נישט זאגן אז "אויב איך האב נישט די 'דיבורים חמים' דארף איך אינגאנצן נישט רעדן" - דאס טויג אויך נישט. דו רעד! מען ווייסט דאך (מלמעלה) אז דו דארפסט האבן 'דיבורים חמים כגחלי אש'. אז דו דארפסט האבן טרערן - וועט מען דיר שענקן! דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אים (ונותן לו).

## דער בעל דבר האט אים אפגעהיט...

אונזערע לייט פלעגן זאגן טאקע: "**וועז דאס התקרבות זאל מער נישט זיין פונעם רבי'ן נאר וועגן דער זאך וואס מען דארף זיך פארן אויבערשטן מיישב זיין - [איז אויך גענוג!]**" דו דאוונסט און לערנסט? זיי דיר מיישב!

עס קען אמאל זיין, אז מיט דעם דאווענען און לערנען זאל אויך ליגן עפעס א מין זאך וואס זאל דיר ווערן פארפירן... דער בעל דבר האט דאך אסאך וועגן; איין מענטש פארפירט ער מיט תאוות, און ער האט אויך אנדערע וועגן צו פארפירן א מענטשן.

[לב] סי' כ' בליקוטי מוהר"ן, וז"ל: "**וצריך לשפוך שיחו בתפילה לפני השי"ת, ועל ידי תפילתו נכמרו רחמי השי"ת עליו, ונפתח לב העליון, כי עיקר הרחמים הוא בלבב**".

עס איז דא א מעשה פונעם חוזה (שהתבטא על מישהו:) " **'ער'** (הבע"ד) **האט אים אפגעהיט פופצן-זעכצן יאר פון א 'הרהור'** (עבירה) **אז נאכדעם זאל ער אים פאקן!**". עס איז א דבר ידוע, דער חוזה האט אזוי געזאגט: 'מען קען אים אפ היטן' - -[לג]

אז ער (הבע"ד) זעהט א מענטש איז אן ערליכער איד, קען ער נישט צוגיין אים פאקן, היט ער אים אפ פון א הרהור, מיינט דאך דער מענטש אז ער איז שוין אינגאנצן פארטיג, ווייל ער איז דאך שוין פופצן-זעכצן יאר ריין פון א הרהור, איז דאך יענער (בר פלוגתיה, אוודאי) אומגערעכט - גיט ער (הבע"ד) אים א פאק און גיט אים א גוטן קלאפ... אבער אז דער מענטש האט ישוב הדעת, איז ער כסדר זיך מיישב פארן אויבערשטן, ער ווייסט תמיד אז ער איז נישט פארטיג. "אל תאמין בעצמך"[לד].

אז דער בעל דבר היט מיך אפ, האט ער א כוונה פארוואס ער היט מיך אפ, ער וויל מיר דען היטן?! נאר אז ער זעהט אז ער קען אים נישט פאקן ווייל ער האט אין זיך תורה און תפילה און ער איז אפגעהיט, איז דער בעל דבר זיך מיישב - 'איך וועל אים אפהיטן, (ממילא) וועט ער שוין מיינען: וואספארא שייכות האב איך מיט אים?!'. און אז ער איז פון אים מסיח דעת, קען ער אים געבן אזא מין פאק און אזא מין קלאפ וואס זאל אים צעברעכן אויף שטיקער. אבער אז דער מענטש ווייסט פון דעם ענין פון ישוב הדעת, ווייסט ער דאך כסדר אז 'איך בין נאך נישט פערטיג, איך ווייס אז ער לאקערט אויף מיר'[לה].

---

[לג] עי' בספה"ק "דברי אמת" בהנהגות הרה"ק החוזה מלובלין אות ע"ה: **"גם אם זמן רב הציל הבורא ב"ה [אותו] מהחטא - שלא להחזיק טובה לעצמו וכמו שאיתא: אל תאמין בעצמך וכו'!"**.

[לד] משניות אבות פ"ב, מ"ד.

[לה] עי' בספה"ק "דגל מחנה אפרים", בסופו: "עוד פעם אחת שמעתי ממנו בליל שבת שאמר אלי בתוך אשר ביאר פסוק (דברים ל', י"ב) 'מי יעלה לנו השמימה' וחיבק ונישק אותי ואמר שהם ראשי תיבות מיל"ה וסופי תיבות הוי"ה, ואמר בזה הלשון: **דא שווער איך אייך שיש איש בעולם ששומע תורה מפי קודשא בריך הוא ושכינתיה לא מפי מלאך ולא מפי וכו' ואינו מאמין עצמו שלא ידחה מאת הקב"ה ח"ו כי בקל יכול לדחות לנוקבא דתהומא רבה!** וסמך על פסוק (שם) לא בשמים הוא ולא מעבר לים ה' יקרב אותנו בימין צדקו".

**"לפתח חטאת רובץ"**. "רובץ" איז טייטש, ער ליגט. דער 'חטאת', דער יצר הרע ליגט ביי מיר ביים טיר, ער ליגט און ווארט. א 'כלב' לייגט זיך און מאכט זיך שלאפן, און ווען דער בעל בית מיינט אז דער כלב שלאפט שוין, לאזט ער אביסל אפן דעם טיר, און דעמאלט כאפט ער זיך אריין און כאפט א ברויט און אנטלויפט... - פארוואס? ווייל דער כלב איז נאר געלעגן, ער מאכט זיך ווי ער שלאפט.

❖

אזוי ווי מען דארף תמיד זיין בשמחה, אזוי דארף מען וויסן אז איך דארף תמיד זיך מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן און וויסן אז ער לאקערט אויף מיר - ער לאזט מיך נישט אפ; אפילו ביז די לעצטע רגע לאקערט ער נאך אויך, ביז 'זיבולא בתרייתא'[לו].

נאר וואס דען? דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן און אונז העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין וואס מיר רעדן. אז מיר ווילן זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, קען מען יא זיין אביסעלע פעסטער, ווארום ישוב הדעת וועט דאך אים נישט לאזן; פארוואס? ווייל איך רעד פארט צום אויבערשטן דיבורים, איך פארלאז זיך נישט אויף מיין תורה ותפילה.

איך מוז זיך אויסרעדן פאר השי"ת, ווייל איך ווייס נאך אז אין דער תורה און תפילה קען זיך אריינכאפן נגיעות מיט פניות; עס איז פארהאן אמאל אז מיין תורה און תפילה זאל מיך פארפירן וואס דערפאר וויל איך פירן א נצחון (בחשבי: 'איך בין דאך עפעס א איד פון תורה ותפילה - און יענער איז דאך אן עם הארץ, מעג איך דאך גיין (אנטקעגן אים) מיט נצחון. אבער אז מען איז (זיך מיישב) - שטעלט מען זיך אפ[לז].

---

[לו] עי' גמ' ברכות ח.

[לז] עי' ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג, אות ב', וזל"ש: **"על כן העיקר הוא תפילה והתבודדות שצריך להרגיל את עצמו להתבודד בכל יום ויום בינו לבין קונו ולהפיל תחינתו לפני ה' יתברך המלא רחמים בכל**

# באקומען דעם פּאַס

(ר' נחמן בורשטיין: ר' יוסף כהן - ר' יוסף דער בעל תוקע [בקיבוץ אנ"ש בעיר העתיקה], פלעגט דערציילן, אז איידער ער איז מקורב געווארן, בטבעו האט ער קיינמאל נישט מוריד דמעות געווען, ער האט נישט געקענט וויינען, עס איז איבערגעגאנגען אויף אים יסורים, אבער וויינען האט ער נישט געקענט, אז ער איז געקומען אויפן רבי'נס ציון האט זיך אנגעהויבן גיסן טייכן טרערן... ער האט אייך דערציילט?) יא יא.

ער איז געווען א כהן, און ער איז געווען צוזאמען מיט מיר אין מאסקאווע, ער האט געוואלט פארן אויף ארץ ישראל. [ר' אהרן כהן פון חברון'ער ישיבה איז זיינער א ברודער]. מען האט אים שוין געהאט געגעבן א פּאַס אויף צו פארן קיין ארץ ישראל, נאר די וויזע האט ער נישט געהאט, און אז ער האט באקומען די וויזע האט זיך שוין דער פאס אויסגעלאזט. איז ער געווען זייער אין אן ענגשאפט, ער האט געדארפט פארלענגערן דעם פאס און מען האט אים נישט געוואלט פארלענגערן, איז ער געלעגן נעבעך אין אזא מין ענגשאפט דארטן אין מאסקאווע, א געוואלד.

איך בין דעמאלט אוועקגעפארן אויף שבת קיין אומאן פון מאסקאווע. זאג איך אים: "ר' יוסף פאר קיין אומאן צום ציון". (ר' נחמן: ער איז נאך נישט געווען מקורב דעמאלט?) ניין. (ענה לי:) "איך בין דאך א כהן!?", (השבתי לו:) "ווועסטו שטיין אינדרויסן, וועסטו נישט אריינגיין" - איך וועל אים נישט זאגן אז ער זאל אריינגיין - "וועסטו נישט אריינגיין, אבער זיי דארט און דו וועסט זעהן דער

---

**עת שיזכהו לשוב בתשובה שלימה באמת.** ...כי כל זמן שאין האדם זוכה לתפילה בשלימות, עדין אין לו מקום לה' ועדיין הוא נע ונד ומטולטל. **ואפילו אם עוסק בתורה עדיין אינו בטוח שישאר קיים על עמדו, כי מי יודע מה יעבור עליו. כמו שראינו כמה וכמה בני אדם שעסקו בתורה בהתמדה גדולה כמה שנים ואחר כך נפלו מאד ונתרחקו מן התורה לגמרי. ובפרט שיש אנשים הרבה שנפלו למה שנפלו עד שיש שנפלו לעבירות גדולות ממש, רחמנא לצלן, והם משוקעים ביון מצולה בטיט היון** והם מצפים ומתגעגעים לצאת מטינופם ולכלוכם, אך אין מי שיושיעם ויוציאם. **על כן עיקר המקום והמעמד דקדושה הוא תפילה, כי על ידי תפילה זוכין לשאר קיים על עמדו תמיד אפילו אם יהיה איך שיהיה".**

אויבערשטער וועט העלפן - אז דו וועסט קומען צום רבי'ן וועט מען דיר געבן דעם פאס". האט ער געזאגט אז ער ווייסט נישט צו ער וועט קומען. שוין.

איך קום ביים באן - און יאסל איז דא... ער איז געקומען צום באן. שבת איז ער געווען אין אומאן, ער איז געווען ביים רבי'ן, ער איז נישט אריינגעגאנגען אויפן ציון נאר ער איז געשטאנען אינדרויסן און ער האט זיך גוט אויסגעוויינט. (ואמר לי:) 'איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געוויינט; אז איך בין געקומען צום רבי'ן אויפן ציון האט זיך מיר געעפנט א טייך פון טרערן און איך האב געוויינט און געוויינט און געוויינט'. ווי נאר ער איז געקומען קיין מאסקאווע האט מען אים גלייך געגעבן דעם פאס! (ר' נחמן: "והנה נער בוכה - **מיד ותחמול עליו**"...)

❖

## צעלאזן דעם פען

דער רבי האט געזאגט צו ר' נתן'ען נאכדעם וואס דער רבי האט אים געהייסן אז ער זאל מחדש זיין חידושים: **"אז עס וועט קומען א שמועס פון אמונה אדער פון צדיק, זאלסטו צעלאזן דעם פען און שרייבן וואס מערער!"** - דער רבי האט אים אזוי געזאגט. דער רבי האט אים געהייסן אז ער זאל מחדש זיין חידושים - די ליקוטי הלכות, און ווען עס וועט קומען א שמועס פון אמונה אדער א שמועס פון צדיק, זאל ער צעלאזן דעם פען און שרייבן וואס מערער.

זעהען מיר דאך, אז עס קומט עפעס א שמועס פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דארף מען וואס מער רעדן דערפון, ווייל דאס איז עפעס אזא מין זאך, דאס ראטעוועט אזוי פיל, דאס איז עפעס אזא נוצליכע זאך; דאס נוצט אויף בחור'וויז, יונגערמאן'ווייז - און אויף דער עלטער; 'עד זיבולא בתרייתא' דארף מען אנקומען צו דער זאך - אז נישט איז מען דאך יעדער רגע (אין א סכנה). 'ישוב הדעת' - 'איך בין זיך מיישב - איך וויל אזוי טוהן, צו בין איך מכוון אל האמת - צו מיין איך 'פניות'?!' - און אזוי אויסרעדן צום אויבערשטן יעדן זאך, דער אויבערשטער האט אזא מין נחת רוח דערפון.

דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן[לח]: **"וואס לאזט איר דעם אויבערשטן גוזר זיין גזירות? אז א מענטש רעדט זיך אויס פאר השי"ת איז דאך דער אויבערשטער 'פונה מכל עסקיו' און הערט זיך איין; ממילא ווערט בטל דער גזירה!"**

עס איז דאך א געוואלדיגע זאך, עפעס אזא נחת רוח וואס דער אויבערשטער האט דערפון - אז א מענטש רעדט זיך אויס פאר השי"ת! און ווער שמועסט אז דער מענטש איז א גדול און רעדט צום אויבערשטן דיבורים - דאס איז דאך א געוואלדיגער ביטול, (דאס ווייזט) ער איז זיך נישט סומך אויף זיין תורה ותפילה, נאר 'ער רעדט צום אויבערשטן דיבורים'.

דער רבי ברענגט טאקע אין דער תורה פון "התבודדות"[לט], אז די גדולים האבן דערציילט פארן רבי'ן אז זיי זענען נישט געקומען צו זייער זאך נאר דורך דער זאך פון התבודדות! גדולים, צדיקים, וואס זיי זענען געווען געוואלדיג - אז 'מלאכים ושרפים' האבן מורא געהאט פאר זיי!

- (קורא מבפנים:) **"ודע שכמה וכמה צדיקים גדולים ומפורסמים סיפרו - אז זיי זענען נישט געקומען צו זייער מדריגה נאר דורך דער הנהגה פון התבודדות!"**. אין רבי'נס צייטן האבן 'כמה וכמה צדיקים גדולים ומפורסמים' געזאגט, אז זיי זענען נישט געקומען צו זייער זאך נאר דורך דער הנהגה! דאס איז עפעס אזא מין געוואלדיגער לשון; ווייל א צדיק גייט דאך דורך פארשידענע וועגן, ער איז דאך א צדיק, און דער בעל דבר לאקערט דאך אויף אים, (כמו שאחז"ל[מ]:) 'ער לאזט אפ דער גאנצער וועלט און ער איז כרוך נאך די גדולים', לאזט ער דאך אים נישט אפ (לכן גם הצדיקים אינם יכולים להגיע לתכלית שלימותם אלא רק ע"י הנהגה זו).

❖

---

[לח] שיחה ע'.

[לט] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה.

[מ] גמ' סוכה נב.

# איבערגעשפרונגען

דער רבי האט דאך דערציילט די מעשה פון דעם דאזיגן צדיק וואס ער האט געגעבן א קנאק: "**איבערגעשפרונגען!**"[מא]. ווייל אויף אים לאקערט מען דאך תמיד, מען לאזט דאך אים נישט אפ קיין איין רגע.

(השואל: וועלכער צדיק איז דאס געווען, דער "יסוד ושורש העבודה"?) **מען זאגט אז דער "יסוד שורש העבודה".**

"איבערגעשפרונגען". וואס הייסט 'איבערגעשפרונגען'? אז ער האט כסדר א מלחמה און כסדר לאקערט מען אויף אים - און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן ביז דער לעצטער רגע - גאנץ! איז דאך א שמחה - איבערגעשפרונגען דער וועלט! אט דער זאך קען מען נישט זאגן סיידן אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז זיך מרגיל אין דער זאך פון (התבודדות!).

מיר קענען נישט זאגן: 'איבערגעשפרונגען', אבער על-כל-פנים די גרויסע היזקות וואס קומען אן יעדן טאג קען ער זיך ראטעווען דורך דער זאך; ווארום איך וועל דאך דערציילן דעם אויבערשטן און אים זאגן אז 'ער (הבע"ד) וויל פון מיר 'דאס' און ער וויל פון מיר 'דאס', צו איז עס אן אמת - צו אפשר וויל איך מיך נארן?!' - אט דאס איז דאך דער ענין פון אויסרעדן "**כל לבו**", "כל לבו"[מב].

---

[מא] חיי מוהר"ן תקכ"ב: "סיפר לי מצדיק אחד ממדינת ליטא שקודם מותו היכה באצבע צרידה כדרך העולם שמכין באצבעותיהם זו על זו אגודל על אצבע אמה עד שנשמע קול מביניהם, ואמר בשמחה בזה הלשון: **איבער גישפרינגין**. כלומר שהיה בשמחה גדולה על שקפץ ודילג על העולם הזה והבליו, אשרי לו. והיה רביז"ל משבח מאד את הצדיק הזה שזכה לומר כך קודם מותו. אשרי מי שמדלג וקופץ על הבלי עולם הזה ותענוגיו".

[מב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה: "ההתבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל. דהיינו לקבוע לו על כל פנים שעה או יותר להתבודד לבדו באיזה חדר או בשדה, ולפרש שיחתו בינו לבין קונו בטענות ואמתלאות בדברי חן ורצוי ופיוס, לבקש ולהתחנן מלפניו יתברך, שיקרבו אליו לעבודתו באמת. ותפילה ושיחה זו יהיה בלשון שמדברים בו, דהיינו בלשון אשכנז (במדינתנו). ...אבל בלשון

מיר געפינען דארטן אין דער גמרא קעגן 'מורה היתר' - אין דעם ערשטן בלאט אין בבא מציעא (ע"ב), אז מען גיט אים א שבועה ווייל ער איז זיך מורה היתר; אבער אז מען וועט אים געבן א שבועה וועט ער שוין טראכטן. [רבי נתן רעדט אין א הלכה[מג] דערפון, אז א 'שבועה' איז אן ענין פון 'עלמא דאתי'; 'אזוי' איז ער זיך מורה היתר, אבער אז מען גיט אים א שבועה, און א שבועה איז א התקשרות צו עלמא דאתי, וועט ער זיך - - (בארעכענען)]. זעהען מיר, אז דער ענין פון מורה היתר איז אזא מין זאך - מען איז זיך מורה היתר.

לעתיד וועט זיין אזעלכע זאכענישן (ווען מען וועט אים פרעגן:) פארוואס האסטו (אזוי און אזוי) זיך מורה היתר געווען?! דער מענטש האלט פון 'זיך', און תמיד איז ער נוטה צו 'זיך' אז 'איך' בין גערעכט - עס איז אזא מין נאטור; ממילא בין איך זיך מורה היתר - 'איך מעג, איך מעג דאס רעדן, איך מעג דאס טוהן, איך מעג דאס קוקן', אבער וויבאלד ער דארף דאס אויסרעדן פאר השי"ת און אים דערציילן אלעס, הויבט ער שוין אן קלערן, עס איז שוין נישט - -

❖

## איך האב מורא צו טראכטן...

(ר' נחמן: ר' נפתלי האט דאס געזאגט - **"איך האב מורא צו טראכטן"**!) יא יא - **"אז איך וועל קומען צום רבי'ן, וועט דער רבי זאגן: 'נפתלי, וואס האסטו געטראכט?!'"**[מד].

- חוץ וואס דאס איז א געוואלדיגער נחת רוח פאר השי"ת וואס דער מענטש האט אין זיך די זאך פון אלצדינג דערציילן דעם אויבערשטן און דאס איז א ריח

---

אשכנז שמספרים ומדברים בו, קל וקרוב יותר לשבר לבו, כי הלב נמשך וקרוב יותר אל לשון אשכנז, מחמת שהוא מרגל בו. ובלשון אשכנז יכול לפרש כל שיחתו. **ואת כל אשר עם לבבו ישיח ויספר לפניו יתברך"**.

[מג] הל' חזקת מטלטלין ה"ב.

[מד] ר' לוי יצחק שמע שיחה זו מרבי ישראל הכהן טירהאוויצער שגדל בביתו של ר' נפתלי; והיה רבי ישראל מספרה תמיד באותו לשון וסגנון ובאותה תנועה כפי ששמעה מפי רבי נפתלי. (שיש"ק ח"ב, אות תשפ"ד)

ניחוח לה'; היינט איז דאך נישטא קיין קרבנות - איז דאס א ריח ניחוח לה'[מה]. א חוץ דאס דאזיגן, שטעלט דאס עפעס אזוי אוועק דעם מענטש, אז ער ווייסט כסדר - 'איך בין נישט זיכער ביי מיר, איך בין נישט פעסט ביי מיר, איך דארף אנקומען צום אויבערשטן אים דערציילן אלעס' - דאס איז עפעס א באזונדערע (מעלה). כאטש ביי תפילה רעדט ער דאך אויך צום אויבערשטן, און תורה איז דאך אויך צום אויבערשטן - איז דאס אבער עפעס א באזונדערע עבודה - 'דאוון און לערן און אלצדינג - און רעד (אויך) אויס פאר השי"ת!'

❖

עס איז געווען - ר' דוד צבי דאשיווסקע, ער איז געווען ר' יודל'ס (הנ"ל) א ברודער. איך האב אים שוין נישט געקענט, ער איז נפטר געווארן עפעס א צוויי יאר איידער איך בין געקומען; איך בין געקומען תרע"ד - און ער איז נפטר געווארן, דאכט זיך, תרע"ב, פריער מיט צוויי יאר. ער איז געווען א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש.

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען ביי זיין פטירה, ער איז געווען דעמאלט אין אומאן, ער איז נפטר געווארן חול המועד סוכות - א טאג נאכן רבי'נס הסתלקות. האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט אויף אים: **"אט דאס איז געווען א איד וואס האט געהאט אלע טאג התבודדות!"** - אט דאס האט ער געזאגט אויף אים א שבח.

(ר' נחמן: וואו האט ר' דוד צבי געוואוינט פאר אומאן - אין עפעס א שטעטל?) אין דימיטריוועקע. (ר' נחמן: ר' דוד הערש!) ר' דוד הערש.

איך האב געהערט פון אים וואספארא מענטש ער איז געווען. (ר' נחמן: מען זעהט אין זיינע בריוון - עס איז דא בריוון פון אים!) יא.

---

[מה] עי' מדרש רבה תצוה, פ' ל"ח, הה"ד "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'".

עס איז געוואלד - א געוואלד! קומט אויס פון רבי'נס זאך, אז דער מענטש זאל זיך נישט לאזן נארן! **"דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר - איר זאלט זיך נישט לאזן נארן; די וועלט נארט אפ!"**[מו] - האט דער רבי געזאגט.

"די וועלט נארט אפ! די וועלט נארט אפ! - דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר - איר זאלט זיך נישט לאזן נארן!" - דאס איז עפעס אזא מין לשון. וואס מיינט דער רבי דא - 'איר זאלט זיך נישט לאזן נארן'? דער רבי רעדט עפעס דא צו אזעלכע מענטשן וואס זענען ליידיגגייערס און בטל'ען דעם טאג?! דער רבי רעדט דאך צו זיינע מענטשן - 'דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן', רעדט דאך דער רבי פון עובדי השם וואס זענען עוסק אין תורה ותפילה!?

- נאר עס איז עפעס אן ענין פון ישוב הדעת דא - "לאזט זיך נישט נארן, לאז זיך נישט אפנארן!" ער זאל נישט נתפעל ווערן אז ער איז א גרויסער סוחר און א גאנצן טאג גייען און קומען קונים - אויב ער וועט נישט פירן קיין חשבון קען ער גאר זיין באנקראט און ער זאל מיינען אז ער לייזט אסאך! כאטש עס גייען אריין הונדערטער קונים א טאג - אז ער וועט פירן א חשבון (וועט ער זעהן) אז ער קען גאר זיין גענארט אויך. ווער נישט נתפעל פון קיין קונים וואס גייען אריין צו דיר; זעה, צו דו נארסט זיך נישט[מז].

---

[מו] שיחות הר"ן נ"א.

[מז] עי' ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג, אות ג', וזל"ש: "היצר הרע והסטרא אחרא הוא בחינת אונאה שמאנה ומטעה את הבריות, **כי אין אונאה גדולה בעולם כמו האונאה של היצר הרע שמאנה ומטעה את האדם** ...נמצא, שהבעל דבר מאנה ומטעה את האדם מאד מאד וכמו שאמר רביז"ל (ומובא בשיחת הר"ן נ"א), **העולם מטעה אותנו מאד**, ...וזה בחינת אין אונאה לקרקעות, כי קרקעות הם בחינת תפילה שהיא בחינת אמונה שנקראת ארץ, כמו שכתוב, "שכן ארץ ורעה אמונה", כמובא בדברי רביז"ל כמה פעמים ...**היינו כשזוכין לתפילה, כמבואר לעיל, היינו שהאדם חזק ואמיץ בדעתו שתמיד יתפלל לה' יתברך שיקרבנו לעבודתו באמת יהיה איך שיהיה בבחינת ואני תמיד אייחל וכנ"ל, אז בוודאי לא יוכל היצר הרע להונותו ולהטעותו עוד בשום אופן** בבחינת אין אונאה לקרקעות. ...**כי כל זמן שאין האדם זוכה לתפילה בשלימות אף על פי שעוסק בתורה שזה עיקר התכלית, אף על פי כן עדיין אינו בטוח מאונאת וטעיות של הבעל דבר, כי לא זכה נעשית לו וכו'. ומי יודע כמה רשתות הבעל דבר פורש עליו, אבל כשזוכה לתפילה כנ"ל, הוא בטוח מכל אונאות וטעיות לעולם, כי על הכל יתפלל לה' יתברך תמיד איך שיהיה** כנ"ל".

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מרגשי הלב ומעומק לבבנו מברכים אנו ברכת מזל טוב לראש מכון "טעם זקנים"

**מוה"ר יוסף מענדל האס הי"ו**

לרגל הכנסת בנו היקר כמר **נחמן שמעון** נ"י לעול התורה והמצוות למזל טוב

**המברכים:** חברי המערכת — אלפי הקוראים

---

מוה"ר **נחמן** ב"ר לייבוש **לאנדעסמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח **אברהם** בן מוהר"ר **יעקב נתן ליכטער** הי"ו בשעטומ"צ
למזל טוב

---

מוה"ר **שמואל מאיר האלצער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

---

מוה"ר **נחמן דוד** ולאביו מוה"ר **יהודה אריה גאלדרינג** הי"ו
לעיקוואד – מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

---

מוה"ר **יעקב קאליש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח **נחמן קיש** נ"י בשעטומ"צ
למזל טוב

---

מוה"ר **יואל פליישמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

---

לעילוי נשמת
מו"ה **יעקב**
ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה

---

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו. נלב"ע י"ב שבט תשע"ט. ת.נ.צ.ב.ה